**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול צייכנט אפ ערשטע יארטאג פון די איינפירונג פון שטערקערע גאן זיכערהייט געזעצן אין ניו יארק סטעיט**

***גאווערנער האט צוזאמגערופן אויסערגעווענטליכע סעסיע פון די לעגיסלאטור אין רעאקציע צו די פאראייניגטע שטאטן סופרים געריכט'ס אורטייל אין New York State Rifle & Pistol Association Inc. v. Bruen פאל***

***ניו יארק סטעיט איז געשטאנען אין שפיץ פונעם וועג מיטן איינפירן שכל'דיגע גאן זיכערהייט געזעצן צו באשיצן אלע ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אפגעצייכנט די ערשטע יארטאג פון די שכל'דיגע געזעצן וואס האבן פארשטערקערט ניו יארק'ס גאן פערמיט פראצעדור און אהערגעשטעלט א נאציאנאלע מוסטער פאר גאן זיכערהייט און די קאמף קעגן גאן פארברעכן. די געזעצן וואס זענען אריין אין קראפט אום סעפטעמבער 1, 2022, האבן אריינגערעכנט פאדערונגען פאר ברייטע הונטערגרונט אונטערזוכונגען און טרענירונג פאר וואפן זיכערהייט און לעבעדיגע געווער פאר מענטשן וועלכע זוכן זיך צו פארשאפן פערמיטס צו טראגן א גאן באהאלטענערהייט ('קאנסיעלד קערי'); פארבאטן מענטשן וואס האבן א פערמיט צו טראגן א גאן באהאלטענערהייט פון ברענגען זייערע וואפנס צו סענסיטיווע פלעצער ווי צום ביישפיל סקולס, רעגירונג געביידעס און שפיטעלער, צווישן אנדערע; און עס האט געפאדערט באנייאונג און ווידער-באשטעטיגונג פון פערמיטס יעדע דריי יאר. די סטעיט איז אויך ארויסגעקומען מיט א [גאן זיכערהייט וועבזייטל](#) צו גיבן פאר די פובליקום, גאן אייגנטימער און גאן הענדלער אלע אינפארמאציע איבער די נייע פאדערונגען אונטער סטעיט געזעץ.

"ניו יארק האט צו אפט צוגעזעהן די שרעקליכע השפעות וואס ווערן פאראורזאכט דורך גאן פארברעכן אין אונזערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אלס גאווערנער האב איך אונטערגענומען געשווינדע שריט צו האלטן מענטשן פארזיכערט נאכפאלגנדיג די סופרים געריכט'ס אורטייל אין די *Bruen* פאל צו מבטל זיין אונזער סטעיט'ס הונדערט-יעריגער 'קאנסיעלד קערי' געזעץ. איין יאר שפעטער, זעצן מיר פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד אין דעם קאמף קעגן גאן פארברעכן און ראטעווענדיג לעבנס."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגע סופעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר איר אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו רעדוצירן גאן פארברעכן און צו פארמיידן אומנויטיגע טראגעדיעס אין אונזערע קאמיוניטיס. גאן זיכערהייט און דאס אפשטעלן אומלעגאלע אייגנטום פון געווער און גאן פארברעכן אין סיי וועלכע פארעם איז א הויפט פריאריטעט פאר די סטעיט פאליציי און פאר אלע אונזערע געזעץ אינפארסירונג שותפים. מיר פארבלייבן פעלזן פעסט אין דעם קאמף קעגן גאן פארברעכן און צו האלטן אלע ניו יארקער זיכער."

אין אנטוואַרט צו די *Bruen* אורטייל, האט די סטעיט געמאכט די הונטערגרונט אונטערזוכונג צו קענען באקומען א 'קאנסיעלד קערי' פערמיט אלס א סטאנדארט און אזוי אויך פארשטערקערט דעם פראצעדור דורכן פארלאנגען פיר קאנטאקטן פון מענטשן וואס זאלן קענען געפרעגט ווערן איבער די כאראקטער פון דער וואס וויל באקומען א פערמיט; א ליסטע פון געוועזענע און יעצטיגע סאָושעל מידיע אקאונטס פאר די פארלאפענע דריי יאר; ארויסגעבן ווער עס איז די אפליקאנט'ס מאן/פרוי אדער פארטנער אינדערהיים און סיי וועלכע אנדערע ערוואקסענע וואס וואוינען אין דעם אפליקאנט'ס היים, אריינרעכנענדיג סיי וועלכע ערוואקסענע קינדער פון דעם אפליקאנט; און אזוי אויך אן אינטערוויו פנים אל פנים מיט זייער לייסענסירונג אפיציר אדער אפיציעל באשטימטער מענטש. אונטער דעם געזעץ, קענען לייסענסירונג אפיצירן פארלאנגען נאך אינפארמאציע וואס זיי באשטימען אז עס פעהלט זיך אויס.

אלע אפליקאנטן פאר 'קאנסיעלד קערי' פערמיטס וואס האבן אפלייט פון סעפטעמבער 1, 2022, און דערנאך מוזן נעמען א וואפן זיכערהייט טרענירונג קורס וואס רעכנט אריין א 16-שעה'יגע קלאסצימער חלק און א צוויי-שעה'יגע לעבעדיגע פייער וואפן זיכערהייט טרענירונג. מענטשן וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי און אין נעסאו, סופאָלק און וועסטשעסטער קאונטיס זענען פארלאנגט צו באנייען זייערע פערמיטס און מוזן נעמען די טרענירונג.

די טרענירונג איז אויסגעשטעלט צו גיבן פאר לייסענסירטע וואפן אייגנטימער די פעהיגקייטן און קענטעניס וואס איז נויטיג צו זיכערערהייט אוועקלייגן און ארומטראגן זייערע וואפנס און זיי אויפצוקלערן איבער אנדערע נושאים, אריינרעכנענדיג אפקילן קאנפליקטן, זעלבסטמארד פארמיידונג און באנוץ מיט טויטליכע קראפט, וואס וועט האלטן זיי און אנדערע פארזיכערט.

אין צוגאב איז באנייאונג און ווידער-באשטעטיגונג פון 'קאנסיעלד קערי' פערמיטס יעצט פארלאנגט יעדע דריי יאר אנשטאט פינף. אינפארמאציע איבער די ווידער-באשטעטיגונג פראצעדור דורך די אינטערנעט פאר מענטשן וואס האבן פערמיטס קען געפונען ווערן [דא](#).

לעצטע יאר האט גאווערנער האקול אנאנסירט נייע פערמיט און מינימום עלטער פאדערונגען אין פארבינדונג מיט באזיץ פון סעמי-אויטאמאטישע רייפלס וואס זענען אריין אין קראפט סעפטעמבער 4, 2022. א מענטש מוז יעצט זיין צום ווייניגסטנס 21 יאר אלט און האבן א פערמיט בעפארן קויפן אדער זיך פארשאפן א סעמי-אויטאמאטישע רייפל. די נייע פאדערונגען זענען ארייַנגערעכנט געווארן אין א רייע געזעצן וואס זענען אונטערגעשריבן געווארן דורך די גאווערנער אין אנטווארט צו די ראסיסטיש-געטריבענע מאסן שיסעריי אין באפעלאו אין מאי פון 2022.

די סטעיט פאליציי און סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services) האבן אויך פארעפנטליכט ענטפערס פאר [אפט-געפרעגטע פראגן](#) איבער די נייע גאן געזעצן פאר די פובליקום, גאן אייגנטימער און גאן הענדלער. אין צוגאב צו טרענירונג און פארברייטערטע הונטערגרונט אונטערזוכונגען פאדערונגען, טוהען די געזעצן אויך:

- באגרעניצן מענטשן פון טראגן זייער באהאלטענע פיסטאל אדער רעוואלווער גאן אין סענסיטיווע פלעצער. מענטשן וועלכע האבן נישט קיין אויסנאם פון די באגרעניצונג אונטערן געזעץ קענען אנגעקלאגט ווערן מיט 'פעלאני' קלאגעס פארן פארלעצן די סענסיטיווע פלעצער סעיף פונעם געזעץ;
- פארלאנגען חודש'ליכע איבערבליקן פון מענטשן וואס האבן פערמיטס צו באשטימען אויב זיי האבן קרימינאלע באשולדיגונגען אדער געריכט אורטיילן וועלכע קענען זיי מעגליך מאכן נישט קוואליפיצירט צו האבן א 'קאנסיעלד קערי' פערמיט;

- פארלאנגען אז וואפנס אין קארן וואס ווערן איבערגעלאזט אן אויפזיכט זאלן אויסגעליידיגט ווערן פון קוילן און איינגעשפארט ווערן אין א סטארעדזש קעסטל וואס איז ווידערשטאנד קעגן פייער, מכות און אריינברעכונג, באהאלטן פון וואו עס קען געזעהן ווערן; און
- פארברייטערן זיכערע סטאָרעדזש פאדערונגען איבער קינדער אונטער 18 אדער סיי וועלכער אנדערע מענטש וואס איז פארבאטן פון האבן א גאן וואוינט אין א היים מיט וואפן, רייפלס און שאַטגאַנס.

אויך אין קראפט פון סעפטעמבער 1, 2022, איז די פאדערונג אז יעדער פארקויפער פון אמוניציע אדער וואפן הענדלער מוז האלטן אדער אן עלעקטראנישע רעקארד, א דאטא-סעט אדער אן ארגאניזירטע זאמלונג פון סטרוקטירטע אינפארמאציע אדער דאטא, געווענטליך ארויפגעלייגט עלעקטראניש אויף א קאמפיוטער סיסטעם. די רעקארד מוז אריינגעשריבן ווערן ווען יעדע געשעפט וואס פארמישט אמוניציע קומט פאר און אריינרעכענען די דאטום, נאמען, עלטער, באשעפטיגונג און וואוינארט פון יעדער מענטש פון וועם אמוניציע איז באקומען געווארן אדער צו וועם אמוניציע איז איבערגעגעבן געווארן און די צאל, קאליבער, מעניופעקטשורער'ס נאמען און סעריע נומער אדער – אויב עס איז נישטא א סעריע נומער – סיי וועלכע באצייכענענדע נומער אדער אידענטיפיקאציע צייכן אויף די אמוניציע.

אנגעהויבן פון סעפטעמבער 13, 2023 וועלן הונטערגרונט אונטערזוכונגען אויך געפאדערט ווערן צו קענען איינקויפן אמוניציע און אנטיק וואפן אין ניו יארק סטעיט. דער געזעץ וואס פארלאנגט NYS צו דורכפירן הונטערגרונט אונטערזוכונגען סיי פאר וואפן און סיי פאר אמוניציע געשעפטן פארלאנגט אז א באצאלונג זאל איינגעמאנט ווערן פאר יעדע געשעפט. די $9 באצאלונג פאר גאן געשעפטן הונטערגרונט אונטערזוכונגען און די $2.50 באצאלונג פאר אמוניציע געשעפטן הונטערגרונד אונטערזוכונגען וועלן גענוצט ווערן צו פינאנצירן די ניו יארק סטעיט הונטערגרונט אונטערזוכונג סיסטעם.

זינט דער נייער געזעץ צו באשיצן ניו יארקער פון גאן פארברעכן אדער סיי וועלכע אנדערע פארעם פון שאדן איז איינגעפירט געווארן, זענען שיסערייען אראפ מיט אומגעפער 26 פראצענט אריבער די סטעיט אין דעם לעצטן יאר. ציפערן פון די CDC ווייזן אז ניו יארק האט די פערטע נידעריגסטע וואפן טויטפעלער ראטע אין דאס לאנד, און צוליב די השפעה פון אונזערע 'קאנסיעלד קערי' געזעצן, זעצט ניו יארק פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם וועג פאראויס מיטן איינפירן שכל'דיגע גאן זיכערהייט געזעצן וועלכע פארמינערן שאדן צו מענטשן און קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418